# פרשת וארא - בא כ' טבת – ד' שבט תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף ד'). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** גמרא (ברכות ד:) זאגט, אז אין אשרי איז אויסגערעכנט אלע אל"ף בי"ת, אויסער די אות נו"ן איז נישט דא דארט. און די גמרא שטעלט זיך, פארוואס עס איז נישט דא די אות נו"ן. זאגט די גמרא, ווייל אין די אות נו"ן איז דא מפלתן של ישראל, די נפילה פון יודען איז מרומז אין די אות נו"ן, ווייל עס שטייט אין פסוק (עמוס ה-ב) נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל. נפלה, דער כלל ישראל איז געפאלן, לא תוסיף קום, און זיי וועלן נישט קענען מער אויפשטיין. שטייט דאך דא ביי די אות נו"ן, די נפילה פון יודען, וועגן דעם האט עס דוד המלך נישט אריינגעלייגט אין די קאפיטל פון אשרי. די גמרא זאגט אבער, אז כאטש עס ליגט דערין א נפילה, אבער מען קען אויך דרש'נען די פסוק אנדערש. נפלה, יודען זענען געפאלען, לא תוסיף, און זיי וועלן מער נישט פאלן, קום בתולת ישראל, כלל ישראל וועט אויפשטיין. די גמרא זאגט נאכדעם, אפילו הכי חזר דוד וסמכה ברוח הקודש, ביי די אות סמ"ך, וואס איז א לשון סמיכה, סומך ה' לכל הנופלים, דארט האט ער סומך געווען, און ער האט געשריבן די נופלים. ער האט נישט געשריבן די נפילה, נאר די סמיכה, אז דער אייבערשטער טוט סומך זיין לכל הנופלים.

**על** כל פנים, דוד המלך האט נישט אריינגעשטעלט דעם אות נו"ן, ווייל עס איז דא דערביי מפלתן של ישראל. גאנץ תהלים איז פיל מיט פסוקים וואס פאנגען זיך אן מיט די אות נו"ן, און דוד המלך האט זיך גארנישט דערשראקן, אז ער זאל נישט אנהייבן א פסוק מיט א אות נו"ן, ווייל נו"ן ווייזט אויף נפילה. און פונקט אין די קאפיטל פון אשרי, האט ער נישט אריינגעשטעלט דעם אות נו"ן, ווייל עס איז דא ביי דעם מפלתן של ישראל. וועט מען ווערן זאגען, ווייל אשרי איז א חשובע תפלה, אזוי ווי די גמרא (שם י.) זאגט, אז א יעדע זאך וואס איז געווען חביב פאר דוד המלך האט ער אנגעהויבען מיט אשרי. די קאפיטל פון אשרי תמימי דרך איז אויך געשטעלט אויף די אל"ף בי"ת, און עס איז דארט אויסגערעכנט אכט נו"ן'ס, און ער האט זיך גארנישט דערשראקן צו לויבן דעם אייבערשטען מיט די אלע נו"ן'ס, אפילו עס ווייזט אויף א נפילה. און פארוואס ביי אשרי יושבי ביתך האט ער נישט אריינגעשטעלט דעם אות נו"ן, ווייל עס איז דא ביי דעם מפלתן של ישראל.

**קען** זיין אז דער ענין דערפון איז. די אות נו"ן ווייזט אויף נפילה, וואס דאס איז די נסיונות וואס א מענטש האט, און ער פאלט פון זיין מדריגה. עין רואה והלב חומד וכלי מעשה גומרים (רש"י במדבר טו-לט), א מענטש זעהט, און עס ברענגט אים צו א הרהור אינעם הארץ, און נאכדעם איז ער חומד צו טון דעם חטא. אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות (סוטה ח.), עס איז דא א שליטה פונעם יצר הרע אויף וואס א מענטש זעהט, און עס ברענגט צו נפילות. **וואס איז די עצה אז א מענטש זאל נישט האבען א נפילה, אז ווען מען האט צייט זאל מען זיצען און לערנען תורה הק'. השכם והערב עליהם בבית המדרש (גיטין ז.), מען דארף זיין פון די משכימי קום, און מאחרי שבת. ווען מען האט צייט, דרייט מען זיך נישט אויף די גאס, און מען האט נישט צוטון מיט די אויסנווייניגע גאס, נאר מען קומט אין בית המדרש, און מען זיצט און מען לערנט. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), אז מען לערנט צופרי און ביינאכט, און אין די פרייע צייט וואס מען האט, איז מען אין בית המדרש. דעמאלטס ווערט מען ניצול, און מען פאלט נישט אדורך אין די אלע נפילות.**

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות טז.), אז דער פסוק האט צוגעשטעלט דעם בית המדרש צו א טייך. מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, כנחלים נטיו, די אהליך יעקב, זענען אזוי ווי די נחלים, אזוי

ווי א טייך. אזוי ווי די נחלים זענען מעלה את האדם מטומאה לטהרה, ווען א מענטש גייט אריין אין א נחל טמא'נערהייט, קומט ער ארויס ריין. אזוי אויך זענען די בתי כנסיות און בתי מדרשות. א בית המדרש איז דומה צו א מקוה, עס איז מטהר דעם מענטש, און עס איז אים מעלה מכף חובה לכף זכות.

**עס** איז טאקע מטהר דעם מענטש אזוי ווי א מקוה, אבער נישט א יעדע מקוה איז מטהר א מענטש. עס ווענט זיך ווי אזוי דער מענטש גייט אריין אין די מקוה. **אויב א מענטש גייט אריין אין מקוה, און ער לאזט זיין קאפ אינדרויסן, ער טובל'ט עס נישט אינוויינים, ווערט ער נישט ריין, אפילו די גאנצע גוף איז אינוויינים. ווען א מענטש קומט אריין אין בית המדרש, אבער זיין קאפ איז נישט דארט, די קאפ איז געבליבן אינדרויסן, קען אים די בית המדרש נישט מטהר זיין. - אויב א מענטש גייט אריין אין די מקוה, און ער טובל'ט זיך אויך מיטן די קאפ, אלעס איז אינעם וואסער, אבער ער האט א שרץ בידו, ער נעמט מיט זיך א שרץ, ווערט ער נישט ריין. אויב ער קומט אריין אין בית המדרש, און אין זיין טאש האט ער א שרץ, איז אים די בית המדרש נישט מטהר. דער בית המדרש קען אים נישט מטהר זיין, ווען די טומאה איז נעבן אים.** אבער ווען א מענטש קומט אריין ערליך, ער וויל שטייגן, און ער וויל זיך פירן ערליך, האט א שול און א בית המדרש א גרויסע קדושה, אז עס איז מטהר דעם מענטש.

**אשרי** יושבי ביתך, גליקלעך זענען די וואס זיצען אינעם בית ה'. אין דעם 'אשרי יושבי ביתך', איז נישט דא אן אות נו"ן, ווייל דארט איז נישט דא א נפילה. **ווען א יוד איז זיך מדבק, און ער איז פון די יושבי ביתך, ווען ער האט פרייע צייט איז זיין פלאץ אין בית המדרש, דארט האט דוד המלך ארויסגענומען דעם נו"ן, ווייל דארט איז נישט דא א נפילה. נפילה איז נאר דא, ווען מען איז אינדרויסן פון בית המדרש.** 'אשרי תמימי דרך', די וואס גייען אויפן וועג, דארט איז דא אסאך נפילות, דארט האט ער אריינגעשטעלט אכט נפילות איינס נאכן אנדערן, נאך א נו"ן, און נאך א נו"ן, ווייל אויפן דרך איז דא נפילות. אפילו עס איז תמימי דרך, אפילו ער גייט מיט ערליכקייט, אבער סוף כל סוף איז ער אונטערוועגענס, און ער קען צוקומען צו א נפילה. אבער אין 'אשרי יושבי ביתך' האט ער נישט אריינגעשטעלט דעם אות נו"ן, ווייל אין א שול איז נישט דא א נפילה, אין שול שטייגט מען נאר.

**אבער** אפילו דוד המלך האט נישט אריינגעשטעלט דעם נו"ן אין אשרי, אבער סומך ה' לכל הנופלים האט ער יא געשריבען. ווייל **טאמער א מענטש איז געווען א נופל אינדרויסן, און ער נעמט אויף זיך אריינצוקומען אין שול, זאל ער וויסען אז דער שול, וואס איז דער אשרי יושבי ביתך, איז סומך ה' לכל הנופלים. ווי געפאלן מען זאל זיין, נפלה ולא תוסיף, מען איז שוין אזוי געפאלען, אז מען קען שוין מער נישט פאלן, אבער קום בתולת ישראל, ווען ער קומט אריין אין שול, איז עס אים מטהר, און ער קען זיך רייניגען.** 'אשרי תמימי דרך' האט אויך אסאך נפילות, אבער עס האט אסאך סמ"ך'ס נאכדעם, ווייל וויפיל נפילות עס איז דא, איז אויך דא סמיכות. דער אייבערשטער טוט סומך זיין לכל הנופלים, אפילו א מענטש איז געפאלן, אויב ער וויל זיך מקרב זיין צום אייבערשטען, קען ער זיך מקרב זיין.

**וירא** מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה (שמות ג-ב), דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו משה רבינו בלבת אש 'מתוך הסנה', אינוויינים אינעם 'סנה' איז דא א סמ"ך מיט א נו"ן, דאס איז די תוך פונעם סנה, דאס איז די סומך נופלים. דער אייבערשטער האט אים געוויזען, אז אפילו יודען זענען טאקע אין מצרים בשפל המצב, אין די מ"ט שערי טומאה, אבער דער אייבערשטער איז דארט. דער אייבערשטער האט זיך באוויזען 'מתוך הסנה', דער סמ"ך מיט די נו"ן ווייזען אויף די נפילה מיט די סמיכה, איך בין א סומך נופלים, אפילו ווען א מענטש איז געפאלען, איז דער אייבערשטער סומך לכל הנופלים. - א מענטש דארף וויסען די כח פון 'אשרי יושבי ביתך', **מען דארף זיך פילן גליקלעך מיט א יעדע שעה וואס א מענטש האט צייט, צו קומען אין בית המדרש, און עוסק זיין בתורה, און מיט דעם נעמט ער אוועק דעם אות נו"ן, אז עס זאל נישט זיין ביי אים א נפילה.**

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרה"ג רבי **יצחק זלמן גיפס** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו ברכת אברהם (ב"פ), עב"ג בן הרה"ג רבי **משולם הלברשטאם** שליט"א, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שני פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שמואל דוד ליכטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ליפא סטראלאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לבית חתנו **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי, ונטל ידיו לסעודת הוואך נאכט לרגל הולדת הנין למזל טוב אצל נכדו **הרב אברהם ברוך באב"ד שליט"א**.

במשך שעות הלילה עברו המוני אנשי שלומנו וידידים וקרובי המשפחה - ובתוכם רבנים ודיינים קרובי המשפחה שליט"א - לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א** ולהסבים הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

אחר ברכת המזון קרא **רבינו שליט"א** קריאת שמע כנהוג, והורה לספר הסיפור **מהבעל שם טוב הק' זי"ע** הנהוג לספר אצל חסידים בליל הוואך נאכט.

*

***יום שלישי פרשת וארא***

בשעה שמונה בבוקר נכנס **רבינו שליט"א** לבוש בבגדי שבת להיכל בית מדרשנו לתפלת שחרית ברוב עם. עם סיום התפלה התקיימה שמחת הברית מילה, כאשר הרך הנימול נכנס בבריתו של אברהם אבינו על ברכי זקינו הגדול **רבינו שליט"א** שנתכבד בסנדקאות. - במוהלות נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי, וראה"כ דקהלתנו בוויליאמסבורג.

בין השאר נתכבדו בעלי וראשי השמחה: הסב **הגה"צ אבד"ק זאליזשא שליט"א** בברכות. הסב **הגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א** בקריאת השם, והסב **הרה"ג רבי חיים יהושע באב"ד שליט"א** מטארטיקוב בעמידה לברכות. ויקרא שמו בישראל 'יוסף' על שם זקינו **כ"ק האדמו"ר מפאפא זצ"ל**. - אחר הברית פצחו הקהל בניגוני שמחה, ועברו בסך לפני **רבינו שליט"א** לאחל ברכת מזל טוב ביום שמחתו הגדולה.

סעודת הברית התקיימה ברוב עם הדרת מלך, ובשירה וזמרה שבחו גאולים לרגל האי עידן חדוותא. – בתוך הסעודה נשא דברים אבי הבן **הרב אברהם ברוך באב"ד שליט"א**, אחר כך השמיע דברי תורה **הגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א**, ואחריהם השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש בענינים נפלאים לכבוד השמחה במעונו בלידת דור רביעי למזל טוב.

בתוך הדברים הזכיר **רבינו שליט"א** ברגשי שמחה מאמר חז"ל (ב"מ פה.) כל מי שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, ובלידת דור רביעי מובטחים בתום וביושר שרך הנימול יתגדל לאילנא רברבא בתורה ויראת שמים על דרכי אבותיו הגדולים, ובדרך זקינו הגדול אשר שמו נקרא עליו.

בברכת המזון נתכבד **הגה"צ אבד"ק זאליזשא שליט"א** ובאמירת 'הרחמן' נתכבד **הרה"ג רבי חנוך הענוך באב"ד שליט"א**. אחר ברכת המזון חילק **רבינו שליט"א** כוס של ברכה לכל קהל המשתתפים כנהוג.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אודה** ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו, איך וויל אפגעבן א שבח והודיה פארן רבונו של עולם, אז דער אייבערשטער געבט אז מען זעהט ב"ה קינדער און אייניקלעך, און יעצט האלט מען שוין ביי א דור ווייטער, ביי די אור אייניקלעך. איך וויל דאנקען דעם רבונו של עולם אויף דעם חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון די אלע יארן ביז אהער, און דער באשעפער זאל העלפען ווייטער אויך, אז מען זאל זעהן אסאך תענוג ונחת, פון אלע קינדער און אייניקלעך.

**ביי** יוסף הצדיק שטייט אין פסוק (בראשית נ-כג), וירא יוסף לאפרים בני שלשים, יוסף האט געזען ביי אפרים, בני שלשים, די קינדער פונעם דריטן

דור. גם בני מכיר בן מנשה יולדו על ברכי יוסף, ביי מנשה האט ער געזען די אור אייניקלעך. מנשה איז געווען דער זון, מכיר איז געווען דער אייניקל, גם בני מכיר בן מנשה, אויך די קינדער פון מכיר בן מנשה, יולדו על ברכי יוסף, זענען נתגדל געווארן אויף די ברכי יוסף.

**עס** איז דא צוויי פשטים אויף יולדו על ברכי יוסף. רש"י און די תרגום טייטשען, אז זיי זענען נתחנך געווארן אויף די שויס פון יוסף. און די תרגום יונתן טייטשט, אז מען האט זיי געמל'ט על ברכי יוסף. איין פשט איז, אז יוסף איז געווען דער סנדק, און מען האט זיי געמל'ט אויף די שויס פון יוסף. און איין פשט זעהט אויס אינעם לשון פון תרגום יונתן, אז יוסף איז געווען דער מוהל. און אזוי ווי יוסף האט געמל'ט די קינדער, רופט מען עס אן יולדו על ברכי יוסף.

**די** פשט פון רש"י און די תרגום אז זיי זענען נתחנך געווארן אויף די שויס פון יוסף, דארף האבען א ביאור. א אייניקל ווערט נתחנך ביים טאטען אין שטוב, און נישט ביים זיידן אין שטוב. און אז זיי זענען יא נתחנך געווארן ביי יוסף, פארוואס רופט מען עס אן, מיטן לשון 'יולדו', אז זיי זענען געבוירן געווארן אויף די ברכי יוסף. און אז מען ווערט נתחנך ביי יענעם, איז עס נישט נאר אויף די שויס אליין, פארוואס זאגט די פסוק יולדו על 'ברכי' יוסף. פארוואס האט עס די פסוק ארויסגעברענגט מיט די לשון, אז די קינדער פון מכיר בן מנשה זענען געבוירן געווארן, על ברכי יוסף, אויף די קניען פון יוסף.

**די** גמרא (סוטה ה.) זאגט, אז א תלמיד חכם, כאטש ער דארף האבען ביי זיך די מדה פון ענוה, פון דעסטוועגן דאך, דארף ער האבען אין זיך א שמונה בשמינית פון גיאות. ער דארף נישט האבען אסאך גיאות, אבער א שמונה בשמינית, דאס איז א מין מאס וואס איז געווען אין זייערע צייטן, דארף א תלמיד חכם אויך האבען. און דאס טוט אים מעטר זיין, אזוי ווי א שבולת, ווי זאגנען, וואס איז ארומגענומען מיט אזא זקן פון תבואה, וואס טוט מעטר זיין דעם שבולת, אזוי איז שיין די מדה פון שמונה בשמינית פאר תלמידי חכמים. און רש"י זאגט, אז עס איז א כבוד פאר א תלמיד חכם, ווען ער ווייזט זיך ארויס מער פון א צווייטען, ווייל דורך דעם האט ער רעספעקט, און עס ווערן מער נתקבל זיינע ווערטער. וואס מיינט דאס, אז א תלמיד חכם דארף האבען גיאות א שמונה בשמינית, אן אכטל פון אן אכטל. און מען זאגט נישט שמינית שבשמינית, נאר שמונה בשמינית, מוז דאך זיין, אז עס ליגט דערין עפעס א כוונה.

**עס** קען אפשר זיין, די גמרא (עירובין ע:) זאגט, ברא כרעא דאבוה, א קינד איז די פוס פונעם טאטען. וואס מיינט דאס אז א קינד איז כרעא דאבוה. שטייט אין די מפרשים, א מענטש וואס לעבט אויף די וועלט, איז אין די בחינה פון א הולך. יעדן טאג דארף א יוד שטייגען אין עבודת ה'. דער אייבערשטער האט אים געגעבן נאך א טאג לעבן, דארף ער אויסנוצן דעם טאג צו שטייגן פון דעם וואס ער איז געווען נעכטען. און יעדער יוד שטייגט, ער שטייט אויף צופרי', און ער גייט דאווענען, ער לייגט טלית און תפילין, און ער זאגט ברכות, ער זיצט און לערנט, ער האנדלט ערליך, ווען עס קומט ביינאכט איז ער געשטיגן מיט אסאך מעלות און מדרגות פון וואס ער איז געווען אנהייב פונעם טאג. און עס ענדיגט זיך ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, וואס ער קען מער נישט טון קיין מצות און מעשים טובים. במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.), און דעמאלטס ווערט מען אין די בחינה פון אן עומד, מען בלייבט שטיין. מיט וואס מען איז אנגעקומען ביז דעמאלטס מיט דעם בלייבט מען. מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.

**עס איז אבער דא אמאל, וואס מען איז זוכה אז אפילו נאכדעם וואס מען לעבט שוין נישט, מען איז שוין אוועק פון די וועלט, פון דעסטוועגן דאך איז מען נאך אלץ א הולך. ער גייט נאך אלץ ווייטער יעדן טאג פון א מדריגה צו א מדריגה. ווען מען לאזט איבער ערליכע קינדער, און זיי פירן זיך ווייטער ערליך, און א קינד איז דאך א חלק פונעם טאטן, ער איז נתחנך געווארן דורך זיינע עלטערן, ווערט די מצות און מעשים טובים וואס א קינד טוט, גערעכנט פאר די זכותים פונעם פאטער, און דער פאטער**

**באקומט א גרעסערן חלק אין גן עדן, ווייל ער דינט ווייטער דעם אייבערשטען דורך זיין כח אויף די וועלט.** ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה (זכריה ג-ז), אויבן אויף יענע וועלט איז מען עומדים, מען שטייט שוין. אבער עס איז דא אמאל וואס ונתתי לך מהלכים, דער אייבערשטער געבט די זכיה, אז מען איז א הולך אפילו צווישן די עומדים אויך.

**וועגן** דעם רופט מען אן א קינד, ברא כרעא דאבוה, א קינד איז די פוס פונעם טאטע. ווייל א מענטש איז א הולך מיט די פוס, און ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, איז ער דאך מער נישט א הולך, ער קען מער נישט גיין. אבער ברא, דאס קינד, ער איז כרעא דאבוה, ער איז די פוס פונעם טאטן, ווייל דורך דעם קינד קען דער טאטע גיין העכער. - דאס קינד האט ווייטער קינדער, און דאס קינד איז מחנך זיינע קינדער, קומט אויס, אז אפילו ווען דאס קינד איז שוין נישט דא, און דאס קינד קען שוין נישט טון קיין מצות און מעשים טובים, האט ער דאך אויך איבערגעלאזט א קינד וואס ער טוט ווייטער ממשיך זיין אין דעם וועג. קומט אויס, אז די אייניקלעך זענען אויך די כרעא פונעם זיידען, ווייל די אייניקלעך וואס דינען דעם אייבערשטען, טוען מאכן אז דער זיידע זאל קענען זיין א הולך. ברא איז כרעא דאבוה, און די אלע דורות שפעטער וואס קומען צו, זענען אלע כרעא דאבוה, זיי טוען אלע צוהעלפן אז מען זאל קענען זיין א הולך אויף יענע וועלט.

**ווען** א קינד ווערט געבוירן, ווייסט מען נאך נישט צו דאס קינד וועט זיין א הולך פארן טאטן. ווער ווייסט ווי אזוי דאס קינד וועט נתחנך ווערן. אויב דאס קינד וועט זיין ערליך, וועט ער זיין א פוס פונעם טאטן, אבער טאמער ער איז נישט ערליך, איז ער נישט די פוס פונעם טאטן, ווייל דער טאטע קען נישט דורך אים נתעלה ווערן. ווען ער ווערט אבער ערצויגן, און מען זעהט אז ער איז אויסגעוואקסען א קינד א תלמיד חכם, דעמאלטס ווייסט מען, אז דאס קינד וועט אים מאכען פאר א הולך אויף יענע וועלט.

**די** גמרא (ב"מ פה.) זאגט, כל מי שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם, ווען עס איז דא דריי דורות תלמידי חכמים, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, ענדיגט זיך נישט די תורה ביי זיינע קינדער, שנאמר, ווייל עס שטייט אין פסוק (ישעיה נט-כא), לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, אויב די תורה וועט זיך נישט אפטון פון דיר, און פון דיינע קינדער, און פון דיינע אייניקלעך, אמר ה', זאגט דער אייבערשטער, מעתה ועד עולם, עס וועט האבען א המשך מעתה ועד עולם. קומט אויס, אז א מענטש איז נישט געזיכערט אויף זיין קינד, און ער איז נישט געזיכערט אויף זיין אייניקל, אבער טאמער ער איז א תלמיד חכם, און זיין קינד איז א תלמיד חכם, און זיין אייניקל איז א תלמיד חכם, איז ער שוין געזיכערט אז דאס אור אייניקל וואס וועט נאכקומען, וועט אויך זיין א תלמיד חכם, און דאס אור אייניקל וועט מאכען דעם זיידען פאר א הולך. **בשעת א קינד ווערט געבוירן איז מען נישט זיכער צו דאס קינד מאכט דעם טאטען פאר א הולך, אבער בשעת עס ווערט געבוירן אן אור אייניקל, און עס איז דא דריי דורות תלמידי חכמים, דעמאלטס איז מען שוין זיכער, אז דאס קינד וואס איז יעצט געבוירן געווארן וועט אויסוואקסען א תלמיד חכם, און ער וועט מאכען דעם זיידען פאר א הולך.**

**יוסף** איז געווען א תלמיד חכם, מנשה איז געווען א תלמיד חכם, און מכיר זיין קינד איז אויך געווען א תלמיד חכם (עיין ברש"י במדבר כז-א), עס איז געווען הוא ובנו ובן בנו תלמידי חכמים, איז יוסף געווען געזיכערט, אז דאס קינד, וואס וועט געבוירן ווערן ביי מכיר בן מנשה, וועט זיכער מאכען יוסף פאר א הולך. ווייל עס איז דאך הוא ובנו ובן בנו תלמידי חכמים. זאגט די פסוק, 'גם בני מכיר בן מנשה', די קינדער פון מכיר בן מנשה, 'יולדו', זיי זענען שוין אזוי געבוירן געווארן, 'על ברכי יוסף', אז זיי וועלן זיין די קניען פון יוסף, זיי וועלן מאכען דעם זיידען פאר א הולך, ווייל זיי האבען שוין די חזקה פון פריער, כל שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם, וועט דאס אור אייניקל זיכער אויסוואקסען א תלמיד חכם, און ער וועט מאכען דעם יוסף, אז ער וועט קענען זיין ווייטער א הולך. וועגן דעם רופט מען עס אן 'ברכי' יוסף, ווייל ברא כרעא דאבוה, א זון איז די כרעא דאבוה, און 'יולדו', ער איז שוין געבוירן געווארן, 'על ברכי יוסף', אז ער וועט זיין א סיועא פאר די 'ברכים' פון יוסף.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **גר"א**, עס שטייט ביי א ממזר, לא יבא ממזר בקהל ה', גם דור עשירי לא יבא לו בקהל ה' (דברים כג-ג), אפלו די צענטע דור פון א ממזר זאל נישט אריינקומען בקהל ה'. שטעלט זיך דער **גר"א**, וואס איז דער לשון 'גם דור עשירי'. וואס איז א חילוק צו ער איז דער אכטער דור אדער דער נייטער דור, אדער די צוועלעפטע דור. וואס איז דער דור עשירי עפעס מער אדער ווייניגער, אז די תורה זאגט, גם דור עשירי לא יבא לו בקהל ה'.

**זאגט** דער **גר"א** א דבר נפלא. א יעדעס קינד האט צוויי שותפים, די טאטע מיט די מאמע, קומט אויס אז א קינד האט א האלבע חלק פון די טאטע, און א האלבע פון די מאמע. דער אייניקל, א דור שפעטער, האט נאר א פערטעל פונעם זיידע. א דור שפעטער האט נאר א אכטל, א דור שפעטער האט נאר א 16'סטל, א דור שפעטער א 32'סטל, א דור שפעטער א 64'סטל, א דור שפעטער א 128'סטל, א דור שפעטער א 256'סטל, דער נייטער דור א 512'סטל, דער צענטער דור האט א 1,024'סטל חלק פונעם ערשטען דור. פונעם ממזר ביז צום דור עשירי, איז שוין נאר געבליבן א 1,024'סטל חלק פונעם שורש פונעם ערשטען ממזר.

**עס** שטייט אין ירושלמי (תרומות י-ה) אז א בריה ווערט בטל בתתק"ס, אין ניין הונדערט און זעכציג. וואלט געווען א סברא צו זאגען, אז אפילו עס איז נאך געבליבן א חלק פונעם זיידען אין די קינדער, און עס איז לא יבא ממזר בקהל ה', זאל זיך עס אויפהערן ביי דעם דור תשיעי, ווייל דער דור עשירי האט דאך שוין נאר א טויזנט'סטל חלק, און ער איז שוין בטל געווארן בתתק"ס. זאגט די תורה, ניין, דאס איז אזא פגם, אז גם דור עשירי לא יבא לו בקהל ה'.

**קומט** דאך אויס, אז א קינד איז א האלבע פונעם טאטען, און אן אייניקל איז א פערטל, און א אור אייניקל איז א שמינית פונעם זיידען. און אז מען האלט ביי דעם אכטען טאג, ביים ברית פונעם קינד, איז עס די 'שמונה שבשמינית'. עס איז דער אכטער טאג פון דעם שמינית, פון דעם אור אייניקל. און אז מען זעהט ב"ה דריי דורות תלמידי חכמים, הוא ובנו ובן בנו תלמידי חכמים, איז דאך שוב אין התורה פוסקות מזרעו לעולם, איז דאך ביי דעם אור אייניקל דא די הבטחה אז ער וועט אויסוואקסען א תלמיד חכם. ווען קען ער אויסוואקסען א תלמיד חכם, ווען ער קומט אן צום אכטען טאג, ווייל די ברית איז די כניסה וואס א יוד גייט אריין לתורה. קומט אוס אז די ברית פון א אור אייניקל, דאס איז די 'שמונה שבשמינית'.

**אפילו** א תלמיד חכם טאר זיך נישט מתגאה זיין, ווייל וואס איז דען דער מענטש, ער האט זיך נישט מיט וואס זיך מתגאה צו זיין, אלעס האט אים דער אייבערשטער געגעבן, אל יתהלל החכם בחכמתו, והגבור בגבורתו, והעשיר בעשרו (ירמיה ט-כב), עס איז נישט דא מיט וואס ער זאל זיך קענען גרויסהאלטען. **אבער אז דער אייבערשטער געבט, אז מען זעהט ב"ה ווי אזוי די דורות ציען זיך, קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים, און עס איז דא די הבטחה, אז דאס אור אייניקל וועט אויך זיין א תלמיד חכם, מיט דעם מעג זיך א יוד שטאלצירן. דאס איז ויגבה לבו בדרכי ה', אז ער קען איבערלאזן קינדער און דורות תלמידי חכמים. אפילו א תלמיד חכם טאר נישט האבען ביי זיך גיאות, אבער דער 'שמונה בשמיני'ת, ווען מען איז זוכה אריינצוברענגען אן אור אייניקל בבריתו של אברהם אבינו, דער חלק פון גיאות מעג מען האבען. אז א יוד קען ערציען קינדער תלמידי חכמים, און דער אייבערשטער העלפט אים אז ער זעהט א המשך פון די דורות תלמידי חכמים, אין דעם איז שייך אז א מענטש זאל זיך קענען מתרומם זיין, ויגבה לבו בדרכי ה'.**

**עס** איז טאקע נישט בן אחר בן, אבער חז"ל (ב"ר פד-כא, רש"י שבת כג:) זאגען שוין, אז חתנו כבנו, איז דער איידעם אזוי ווי א זון. און חתנו, זיין איידעם, איז אויך כבנו, האלט מען דאך דא ביי פיר דורות. דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א זכיה, אז איך בין אויך געווען סנדק ביי דעם אור אייניקל. עס שטייט אין **לקט יושר** (הל' מילה) אז די וועלט זאגט, אז אויב מען איז א סנדק ביי אן אור אייניקל, איז אינו רואה פני גיהנם. ער מיינט צו זאגען, ווייל עס איז דא אן אור אייניקל וואס טוט אים ארויסנעמען פונעם גיהנם, און מאכט אים פאר א הולך. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן

קענען זעהן אסאך תענוג ונחת ביי דעם קינד, און ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**מען** האט א נאמען געגעבן דאס קינד 'יוסף', נאכען **פאפא רב זצ"ל**, דער **ויחי יוסף**. מען האט פריער געהערט פון זיין גרויסקייט אין תורה און עבודת ה'. ווען איך בין געווען א בחור, האב איך באקומען התרת הוראה פונעם **פאפא רב זצ"ל**. א נאמען גיט דאך צו, כ'שם' שנכנס לברית, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין יולדו על ברכי 'יוסף', ער זאל קענען נתגדל ווערן על ברכי 'יוסף', ער זאל אויסוואקסען אזא תלמיד חכם און אן ערליכער יוד, ווי ער איז געווען. דער אייבערשטער זאל העלפען פארן אבי הבן, אז ער זאל אים קענען מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים. דער אייבערשטער זאל געבן פאר די חשובע זיידעס און עלטער זיידעס אריכת ימים ושנים. און די אלע וואס נעמען אטייל ביי אונזער שמחה, זאל דער אייבערשטער באצאלן, אז מיר זאלן זיך אלע קענען פרייען איינער ביים אנדערן, מתוך שמחה וטוב לבב. אין זכות פון ברית מילה זאלן מיר זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק גאלדמאן** ע"ה (וומסב"ג).

***וזה תוכן השיחה:***

**אחיו אב"ד נייפעסט:** די שבעה ענדיגט זיך שבת, און מען זאגט מקצת היום ככולו (מו"ק יט:), וואס דאס איז ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש (שו"ע יו"ד סימן שצ"ה), בפשטות נאך מוסף. איך האב א ספק צו מען קען בענטשען ראש חודש. עס איז אבילות בפרהסיא.

**רבינו:** דער רבינו תם האט עולה געווען שבת אלץ אבל, היות ער האט עולה געווען יעדע וואך, איז עס אבלות בפרהסיא (עיין בשו"ע יו"ד סימן ת').

**אב"ד נייפעסט:** לא כל אחד גדול הדור שיתיר לעצמו. בעצם איז ראש חודש בענטשען גארנישט. עס איז נישט א תפלה וואס מען איז מוציא דעם ציבור, עס געהערט נאר פארן חזן. און נישט צוגיין איז אן אבילות בפרהסיא.

**רבינו:** עס איז דא א שמועס אין יורה דעה אין סוף פון הל' אבילות, אין די הלכות פון רבי אפרים זלמן מרגליות, וואס ער שרייבט דארט, אז היינט גייט שוין אפשר אוועק די אבלות אין שבת תיכף צופרי[א]. אמאל איז געווען דער סדר אז מען איז געקומען שבת אין שטוב, איז נאך געווען עפעס אן אבילות אין שבת, אבער היינט אז מען קומט נישט, זאגט מען מקצת היום ככולו תיכף צופרי.

**אב"ד נייפעסט:** דעם שבת'דיגן ניחום (עיין במ"א סימן רפ"ז) זאגט מען היינט אויך נישט.

**רבינו:** עולה זיין איז אסאך א הארבערע הלכה פון דאווענען פארן עמוד, עס איז אסור על פי הלכה, ווייל אן אבל איז אסור בדברי תורה (עיין בשו"ע יו"ד סימן שפד). און פאר א רב, איז עס אבילות בפרהסיא, איז זיכער אז ביי ראש חודש בענטשען קען מען זיך פארלאזן דערויף.

*

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** הווארט של הבחור החתן **נפתלי מאיר** נ"ו בן הר"ר **אברהם יודא האפמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם יודא שווארץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שאול יחזקאל קאהן** ע"ה (וומסב"ג).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** איך האב שוין דריי מאל איבערגעזאגט די מעשה וואס דער רב האט פארציילט ביי די פרקי אבות דרשה (פרשת שלח תשע"ד). מענטשען קומען און מען זאגט אז עס איז ווענגן די הארץ. זאג איך, איך ווייס נישט, איך האב געהערט פונעם וויענער רב דאס יאר ביי פרקי אבות, אז געזונט מיט לעבן, איז צוויי אנדערע זאכן. איך בעהט דער רב זאל

---

[א] עיין **בטורי זהב** (סימן ת"ב סק"ה) דמן הדין היה מותר בשבת לעלות לתורה מיד בשחרית בהנץ החמה, אלא כיון שבחול ממתין עד אחר התפלה על כן גם בשבת יעשה כן. ועיין עוד **בשו"ת מנחת אלעזר** (ח"ב סימן כ"ו) דסגי להמתין עד זמן שרגילין מנחמים לבא בימות החול, ואין צריך להמתין עד סיום התפלה ביום השבת שהוא בשעה מאוחרת יותר.

פארציילען די מעשה פון **רבי איסר זלמן מלצר**, אזוי וועל איך בעסער וויסען ווי אזוי עס צו זאגן.

**רבינו: רבי איסר זלמן מלצר** איז געווען אלץ בחור קראנק אויף די הארץ, און מען האט אים אנגעטראגען א שידוך, א מיידל, וואס האט געוואוסט אז ער איז נישט געזונט, און זי האט געזאגט, אז זי איז גרייט חתונה צו האבען מיט אים, ווייל זי וויל האבען א מאן א תלמיד חכם. און די עלטערן האבען נישט געוואלט הערן דערפון, נעמען לכתחלה א מאן וואס איז קראנק. און זי האט זיך איינגע'עקשנ'ט אז זי וויל יא. און מען האט מחליט געווען, אז מען גייט פרעגן דעם **חפץ חיים**. מען איז אריבערגעגאנגען צום **חפץ חיים**, און זי האט געזאגט, אז מען האט איר אנגעטראגען דעם שידוך, און איר טאטע האט געזאגט, איך האב אן אחריות אויף מיין קינד, איך קען איר נישט חתונה מאכען צו איינעם וואס איז נישט געזונט. האט דער **חפץ חיים** געפרעגט, דו ווייסט אז ער איז נישט געזונט. האט זי געזאגט, יא. האט ער איר געפרעגט, דו ווייסט אז ווען מען איז נישט געזונט איז דא שוועריקייטן אין שטוב. האט זי געזאגט, אז זי ווייסט, און זי איז גרייט אויף אלעם. האט דער טאטע געזאגט, אבער אויב ער איז נישט געזונט, ווער ווייסט ווי לאנג ער וועט לעבן. האט דער **חפץ חיים** געזאגט, **'עס איז דא מענטשען וואס זענען געזונט, און מענטשען וואס זענען קראנק. מענטשען וואס לעבן ווייניג, און מענטשען וואס האבען אריכת ימים. און די צוויי זאכען זענען נישט פארבינדען איינס מיטן אנדערען. מען קען זיין נישט געזונט, און לעבן לאנג. און מען קען זיין געזונט, און מען האט נישט קיין יארן'**. א קראנקן מענטש איז נאר שווער צו באדינען, און טאמער זי איז גרייט צו נעמען אויף זיך אים צו באדינען, קען זי חתונה האבען מיט אים. - **רבי איסר זלמן** איז געווארן שפעטער אן אלטער יוד, און ער האט אויפגעשטעלט שיינע דורות, **רבי אהרן קאטלער** מיט די גאנצע משפחה, און איך מיין אז זי איז אוועק נאך פאר **רבי איסר זלמן**.

איך האב געהערט נאכזאגען פונעם **ערוגת הבשם**, אז 'אריכת ימים' האט צוויי טייטשען. די וועלט זאגט, אז אריכת ימים איז טייטש לאנגע יארן. אבער ארוכה איז אויך טייטש געזונט, והעלה ארוכה ומרפה לכל תחלואינו. וועגן דעם וואונטשט מען אריכת ימים, כדי עס זאל זיין נכלל ביידע ברכות, לאנגע יארן און געזונטע יארן.

**א' האבלים:** איינער האט מיר געזאגט, אז עס שטייט אין **של"ה הק'** (פרשת וישב), אז יעקב אבינו האט געוויינט נאך יוסף הצדיק צוויי און צוואנציג יאר. עס שטייט דאך (מסכת סופרים כא-ט) אז עס איז דא א גזירה, אז א מת זאל פארגעסן ווערן פונעם הארץ. האט דאך יעקב געדארפט כאפן, אז אויב ער פארגעסט נישט, איז א סימן אז יוסף לעבט. נאר עס איז דא אסאך מאל וואס א מענטש פארלירט א טאטע אדער א מאמע, און נאך א יאר צייט הייבט ער אן צו פילן אז עס טוט אים שוין נישט אזוי וויי, ווי דער טאג וואס עס איז געשען. זאגט דער **של"ה הק'**, ווייל וואס מער די נשמה באקומט א תיקון, און עס ווערט מער אויסגעלייטערט, אלץ ווייניגער איז דער צער אויף די וועלט. ווען דער מענטש הייבט אן צו פילן, אפשר בין איך קאלט, און איך האב שוין נישט קיין שייכות מיט די נשמה פון מיין טאטע, איז עס ווייל וואס מער די נשמה ווערט נתעלה, ווערט עס ווייטער, און עס ווערט נשתכח. האט יעקב אבינו מורא געהאט, אז אויב ער פילט נאך אלץ די צער פון יוסף הצדיק, און ער לעבט דאך נישט, איז א סימן אז ער האט נישט קיין תיקון, און דאס האט אים וויי געטון די גאנצע צייט.

**רבינו:** עס ווערט געברענגט, אז אלע מדות וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אינעם מענטש, איז דאך אלעס לטובתו. דער אייבערשטער האט באשאפן שכחה, עס איז דאך נישט א גוטע זאך, אז מען געדענקט נישט וואס מען דארף צו טון. אבער ווען עס וואלט נישט געווען די טבע פון שכחה, און זיין טאטע אדער מאמע וואלט אוועק פון די וועלט, וואלט א מענטש געהאט די זעלבע צער א גאנץ לעבן, ווייל עס טוישט זיך גארנישט. אבער אז מען האט די טבע פון שכחה, איז א יעדע טאג וואס עס גייט אדורך, פארגעסט זיך א שטיקל פונעם צער, און ווען עס גייט אדורך א יאר, שיעור שכחה, גייט עס אינגאנצן ארויס פונעם מענטש. דאס איז די טובה פון שכחה, אז א מענטש זאל פארגעסן א צער, און עס קענען אדורכגיין.

*

***יום רביעי פרשת וארא***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אברהם צבי אדלער** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים בבית **הגה"צ רבי פישל הערשקאוויטש שליט"א** אב"ד האליין. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו היומי במשנה ברורה, ובסוף דבריו השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק לימי השובבי"ם, ודברי פרידה לקראת נסיעתו למנוחה. אחר כך עברו בחורי הישיבה לפני **רבינו שליט"א** בברכת פרידה.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** האף אי"ה מארגען אוועקצופארן, מען דארף זיך צוזאמנעמען כוחות אויף שפעטער אויך. איך וויל בעטן אז מען זאל אנהאלטן אלע סדרים אזוי ווי ביז יעצט. עס איז די ימי השובבי"ם, עס איז חשובע טעג, זאל מען מוסיף זיין כח ואומץ אין לימוד התורה און תפלה ווי עס דארף צו זיין.

**איך** וויל איבערזאגען א ווארט אין די פרשה, וואס איך האב געזען שטיין פונעם **שפת אמת**. דער **שפת אמת** שרייבט אין א בריוו פאר זיין זון וואס האט אים געבעטן, אז ער זאל אים שרייבן עפעס אין דעם ענין פון יראת שמים. עס איז געווען פרשת וארא, שרייבט ער אים, אז די וואך אין די פרשה דארף מען נישט זוכן אסאך וואס צו שרייבן אין יראת שמים, ווייל מען זעהט עס אין די פרשה. די תורה הק' פארציילט ביי די מכה פון ברד, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז ער גייט ברענגען א ברד, און אלע בהמות וואס וועלן זיין אינדרויסן אויפן פעלד וועלן שטארבען, און וואס עס וועט נישט זיין אינדרויסן אויפן פעלד וועט בלייבן לעבן. ועתה שלח העז את מקנך ואת כל אשר לך בשדה, כל האדם והבהמה אשר ימצא בשדה, יעדע מענטש און בהמה וואס וועט זיין אינדרויסן, ולא יאסף הביתה, און מען וועט עס נישט אריינברענגען אין שטוב, וירד עליהם הברד ומתו (שמות ט-יט). זאגט דער פסוק ווייטער, הירא את דבר ה' מעבדי פרעה, ווער עס איז געווען א ירא ה', דער גוי וואס האט מורא געהאט פון די ווערטער פונעם אייבערשטען. און ער האט געהאט וואס מורא צו האבן, ווייל ער האט דאך געזען אז אלע מכות ביז יעצט זענען געקומען. הניס את עבדיו ואת מקנהו אל הבתים, האט ער אריינגעברענגט די מקנה אין שטוב, און ער האט געהייסען פאר זיינע עבדים, אז זיי זאלן נישט ארויסגיין אויף די גאס די וואך, ווייל עס וועט זיין ברד. ואשר לא שם לבו אל דבר ה', דער וואס האט נישט צוגעלייגט זיין הארץ צום דבר ה', ויעזוב את עבדיו ואת מקנהו בשדה, דער האט איבערגעלאזט די עבדים און די מקנה אין פעלד, און ווען עס איז געקומען דער ברד, זענען זיי אלע געשטארבען.

**דער** פסוק הייבט אן מיט דעם לשון 'הירא את דבר ה', דער וואס האט מורא געהאט פון די ווערטער פונעם אייבערשטען, הניס את עבדיו ואת מקנהו אל הבתים, און ער ענדיגט 'ואשר לא שם לבו אל דבר ה', דער וואס האט נישט צוגעלייגט זיין הארץ צו די ווערטער פונעם אייבערשטען. ער וואלט געדארפט זאגען די לשון, 'ומי שלא ירא את ה', און ווער עס האט נישט מורא געהאט פונעם אייבערשטען, האט זיי געלאזט אינדרויסן. פארוואס זאגט ער, 'ואשר לא שם לבו אל דבר ה'.

**דער** פסוק וויל מדגיש זיין, וואס איז טייטש א ירא ה', און וואס מיינט נישט א ירא ה'. ירא ה' איז טייטש אן ערליכער מענטש, וואס האט מורא פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט געזאגט אז מען דארף האלטן תורה און מצות, איז ער א ירא ה', און ער טוט וואס דער אייבערשטער האט געהייסען. דער וואס איז נישט קיין ירא שמים, וואס איז די סיבה אז ער איז נישט א ירא שמים. איין סיבה, 'אשר לא שם לבו אל דבר ה'. עס פעלט אים תשומת לב, ער לייגט נישט צו זיין הארץ. ווען דער מצרי וואלט אביסל אריינגעטראכט, ער וואלט אביסל צוגעלייגט זיין הארץ צו זיין מצב. אזויפיל מכות זענען שוין אדורכגעגאנגען, דם צפרדע כינים ערוב דבר שחין, און וואס משה רבינו האט געזאגט, איז אלעס געווען. און מען האלט שוין ביי די מכה פון ברד, עס קאסט דיר נישט קיין געלט, וואס אהרט דיר אריינצוברענגען דיינע בהמות אין שטוב אריין, וואס אהרט דיך צו זאגען פאר דיין עבד גיי נישט אינדרויסן. אפילו עס זאל נאר זיין א ספק צו עס

קומט א ברד, וואלט זיך אויך א מענטש געהיטן, און ער וואלט נישט געווען אינדרויסן.

**ווען** ער זאל אביסל משים לב זיין, זיך צולייגען צו זיין הארץ, וואס טו איך דא, איך לאז אינדרויסן מיינע עבדים און מיינע בהמות, משה רבינו זאגט דאך, אז עס גייט קומען א ברד, און ער איז א גוטע וועטער נביא, וואס ער האט געזאגט ביז יעצט, איז אלעס מקוים געווארן, וואלט ער דאך אוודאי אויך אריינגעברענגט זיינע עבדים, און זיין מקנה. די חסרון פון איינעם וואס איז נישט א ירא שמים, איז ווייל ער איז לא שם לבו, ער לייגט נישט צו זיין הארץ, עס אינטערעסירט אים נישט, ער טראכט נישט, עס וועט שוין זיין וואס עס וועט זיין, ער מאכט נישט קיין חשבונות. אויב ער וואלט אביסל צוגעלייגט תשומת לב, וואלט ער געווארן א ירא את דבר ה'. זאגט דער פסוק, די היפך פון א 'ירא את דבר ה', איז 'אשר לא שם לבו אל דבר ה'. שרייבט דער **שפת אמת** פארן זון, אז דו ווילסט וויסען וואס עס איז טייטש א ירא שמים, און וואס נישט, מען זעהט עס אין די פרשה. איינער וואס איז לא שם לבו, דאס הייסט אז ער איז נישט א ירא שמים.

**לענינינו**, מיר רעדן נישט פון מצריים און פון א ברד, נאר מיר רעדן צו יודישע קינדער. מען דארף נישט מסביר זיין וואס עס איז א ירא ה'. אבער די סיבה פון דעם וואס איז נישט א ירא ה', איז ווייל עס פעלט פשוט תשומת לב. **א בחור אין ישיבה זאל זיך אביסל מתבונן זיין, איך בין ממילא אין ישיבה, וואו מען זיצט און מען לערנט, און מען דאוונט ערליך, און איך קען אויסנוצען די צייט און שטייגען, און אויסוואקסען א תלמיד חכם, מיט שיינע מדות טובות.** ווען ער וואלט אין די צייט געווען ערגעץ אנדערש, פארשטייט מען אז ער לערנט נישט, ער איז א מומר לתיאבון, ער וויל טון עפעס אנדערש. אבער אז דו ביסט ממילא דא, און דו קענסט אין די צייט שטייגען און וואקסען, און דו לערנסט נישט, פעלט פשוט די תשומת לב. דאס וואס מען איז נישט א ירא ה', איז ווייל ער לייגט נישט צו קיין הארץ, ער איז לא שם לבו אל דבר ה'.

**און אז מען וויל איינעם מעורר זיין, אז ער זאל זיין א ירא שמים, דארף מען נאר אזויפיל זאגען, זיי פון די וואס זענען שם לבו אל דבר ה'. לייג צו דיין הארץ, טראכט אריין אין דיין מצב, טראכט אריין ווי דו ביסט, און ווי דו ווילסט אנקומען, און אין וואס דו ווילסט שטייגען, און נוץ אויס די זמן וואס דו שטייסט דערין, אז דו זאלסט אויסוואקסען וואס מען קען באמת אויסוואקסען.** זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען זיין אין די ימי השובבי"ם א שם לבו אל דבר ה', צולייגען די הארץ צו די ווערטער פונעם אייבערשטען, און זיך פירן ווי א יוד דארף זיך צו פירן, און עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **טובי' פרענקעל** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **משה אהרן הארט** ע"ה, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יחזקאל קאצבורג** ע"ה.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק אייזיק פריעדער** ע"ה.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**א' האבלים:** מיין עלטער זיידע (הר"ר יהושע גוטמאן ע"ה, ירושלים) האט ביי די זעקס און אכציג יאר נאכאמאל חתונה געהאט. ער איז געווען ביים **בעלזער רב**, נאכדעם וואס זיין ווייב איז אוועק, און דער **בעלזער רב** האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער איז אליין און ער האט נישט חתונה, עס איז א שמירה פונעם יצר הרע (יבמות סג.). האט ער געזאגט פארן **בעלזער רב**, אין דעם עלטער?! האט אים דער **בעלזער רב** געזאגט, עס איז נישט קיין חילוק אין וועלכע עלטער, די תורה איז די זעלבע תורה.

**רבינו:** מען ברענגט צו פונעם **קאזניצער מגיד**, אז ווען דער **קאזניצער מגיד'ס** רעבעצין איז אוועק, איז דער **קאזניצער מגיד** שוין געווען א זקן, און ער האט נישט געוואלט נאכאמאל חתונה האבען. און דער **רבי פון לובלין** האט אים געשיקט זאגען, אז זיינע תפלות האבען נישט געלאכטען אין די הייליגע טעג, ווייל ער איז א פלג גופא, און ווען א כהן טוט די עבודה, טאר ער נישט זיין א פלג גופא.

האט ער תיכף נאכדעם זיך געלאזט רעדן שידוכים (מובא **בעשר אורות** מערכת ו' אות כ"ט, בשם ספר **זוהר חי מהרה"ק מקאמארנא זי"ע**).

*

***יום חמישי פרשת וארא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **אשר אנשיל** נ"ו בן הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו, ולהבחור **ירמיה ישראל** נ"ו בן הר"ר **שלום וויטריאל** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית לבן הר"ר **יעקב בער גרינוואלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והשמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורון דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת וארא***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. – בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני שעבוד וגאולת מצרים. אחר כך כיבד **רבינו שליט"א** להרה"ח רבי **פייש הערצאג** הי"ו (מבעלי הפירמא קדם) בברכת המזון.

במוצאי שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת מלוה מלכה וסיום מסכת ראש השנה שנלמד במסגרת חבורת 'תורתך שעשועי'. אחר שהגיע **רבינו שליט"א** להסעודה אמרו ההדרן, **ורבינו שליט"א** נשא דברות קודש לכבוד המסובים.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך אין די פרשה איז אויסגערעכנט די ארבעה לשונות של גאולה, והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי (שמות ו-ו), און פסח ביינאכט טרונקט מען ארבע כוסות, א רמז אויף די פיר לשונות פון די גאולה. והבאתי, איז אויך איינע פון די לשונות הגאולה, און אויף דעם איז מרמז דער כוס של אליהו, אבער דעם כוס טרונקט מען נישט, נאר עס ווערט אוועקגעלייגט.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער הסבר דערפון איז, ווייל ביי די לשונות פון והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי אתכם לי לעם, רעדט מען פון יציאת מצרים. דער באשעפער וועט אונז ארויסנעמען, און ער וועט אונז אויסלייזען, און ער וועט אונז נעמען פאר א פאלק, און מען וועט מקבל זיין די תורה. נאכדעם האט דער אייבערשטער געזאגט, והבאתי אתכם אל הארץ, איך וועל ענק אריינברענגען קיין ארץ ישראל. וועט מען מיינען אז די תכלית און די ציל פון יציאת מצרים איז, והבאתי אתכם אל הארץ. מען איז געווען אין גלות צווישן גוים, און יעצט וועט מען אריינגיין קיין ארץ ישראל, און מען וועט האבען א לאנד פאר זיך, דאס איז דער ציל וואו מען וויל צוקומען. אבער דער אמת איז, אז דאס איז נישט דער ציל. דער ציל איז, ולקחתי אתכם לי לעם, אז מען וועט ווערן א פאלק פארן אייבערשטען. והבאתי אתכם אל הארץ, איז נאר א א שכר וואס דער אייבערשטער וועט געבן, אז ער וועט אונז אריינברענגען קיין ארץ ישראל. אבער דער ציל פון יציאת מצרים איז, ולקחתי אתכם לי לעם.

**מיר** האבען א מצות עשה דאורייתא, צו בענטשן נאכן עסן, ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך. ווען ער האט אפגעזאגט די ערשטע ברכה, הזן את הכל, האט ער געדאנקט דעם אייבערשטן, אז דער אייבערשטער האט געגעבן פרנסה, און ער האט געגעבן צו עסן. און די חכמים האבען זיך נישט באגענוגט מיט די איינע ברכה פון הזן את הכל, נאר מען זאגט נאכדעם נודה לך ה' אלקינו על שהנחלת לאבותינו ארץ חמדה טובה ורחבה, מען דאנקט דעם אייבערשטער אז דער באשעפער האט אונז געגעבן ארץ ישראל. און מען דארף מזכיר זיין ברית און תורה, על בריתך שחתמת בבשרנו, ועל תורתך שלמדתנו. ווי קומט דא אריין, ווען ער דאנקט דעם אייבערשטען אויף דעם וואס ער האט אים געגעבן צו עסן, א הודאה אויף ברית מילה, עס איז דאך נישט יעצט די צייט צו דאנקן אויף דעם, ווי קומט יעצט אריין בשעת מען עסט, אז מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף ברית, און תורה.

**מען האט יעצט אדורך געלערנט א מסכת. לערנען תורה טוישט דעם מענטש. עס איז נישט די זעלבע,**

**איינער וואס זיצט און לערנט, און איינער וואס לערנט נישט. מען קען נישט זיין, עכ"פ אין היינטיגע צייטן זיכער, אן ערליכער יוד, א פשוט'ער שומר תורה ומצות, אויב די קאפ ליגט נישט אין תורה. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), דער יצר הרע איז זייער גרויס, און די איינציגע תבלין איז די תורה וואס מען לערנט, דאס גיט די חיות אז מען זאל זיך קענען האלטן, און זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות, וואס די צייטן ברענגען מיט זיך.**

**משה** רבינו האט געהאט צוויי קינדער, גרשם מיט אליעזר, דעם ערשטען קינד האט ער א נאמען געגעבן גרשום, כי גר הייתי בארץ נכריה, און דעם צווייטען קינד האט ער א נאמען געגעבן אליעזר, כי אלקי אבי בעזרי ויצילני מחרב פרעה (שמות יח-ג), דער סדר איז נישט אזוי געווען. קודם איז געווען ויצילני מחרב פרעה, ער איז געווען א בחור'ל ווען ער איז אנטלאפן פון מצרים קיין מדין, און דער אייבערשטער האט אים מציל געווען מחרב פרעה, און נאכדעם האט ער זיך מסדר געווען, און ער איז געווארן א גר בארץ נכריה. פארוואס ווען ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן, האט ער קודם געדאנקט אז כי גר הייתי בארץ נכריה, און נאכדעם האט ער געדאנקט דעם אייבערשטן, אז ויצילני מחרב פרעה. עס איז דאך נישט לויטן סדר. - און נאכדעם, אז ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף ויצילני מחרב פרעה, פארשטייט מען, ער איז געווען עומד למיתה, מען האט אים געוואלט הרג'ענען, און דער אייבערשטער האט אים געראטעוועט מחרב פרעה. אבער כי גר הייתי בארץ נכריה, אז ער האט זיך געוואנדערט אין די פרעמד, איז נישט אזא גרויסער גליק, אז מען זאל אויף דעם א נאמען געבן א קינד, פארוואס האט ער א נאמען געגעבן גרשם, כי גר הייתי בארץ נכריה.

**די** פשט דערפון איז, דאס חשיבות פונעם לעבן פון א מענטש, איז נאר ווען מען האלט זיך ערליך. ווען מען לערנט תורה, און מען דינט דעם אייבערשטען, דעמאלטס האט א חשיבות דאס לעבן וואס דער אייבערשטער געבט פאר א מענטש. אבער לעבן ווי א גוי, נאר מען איז אויך א יודיש קינד, און מען טוט אויך מצות און מעשים טובים, אזוי על דרך אגב, דאס איז נישט די חשיבות פונעם לעבן. און כל שכן ווען מען מישט זיך אויס צוזאמען מיט גוים, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם (תהלים קו-לה), האט דאס לעבן פון א מענטש גאר א קליינעם חשיבות.

**משה** רבינו האט געמוזט אנטלויפן פון מצרים, ער איז אנטלאפן פון כלל ישראל, גאנץ כלל ישראל איז געווען אין מצרים, און ער, איין מענטש אליין אנטלויפט אויף א גוי'שע מקום, ווי אלע זענען געווען עובדי עבודה זרה. און ער איז אנגעקומען צו יתרו אין שטוב, וואס האט נישט איבערגעלאזט איין עבודה זרה וואס ער האט נישט געדינט. ווי אזוי האט זיך משה רבינו געקענט דארט האלטן. דורך 'גר הייתי בארץ נכריה'. ער האט נישט געוואלט ווערן א חלק פון זיי, ער איז א פרעמדער דא, ער איז א גר, ער זוכט זיך נישט מחבר צו זיין מיט די אלע וואס זענען דארט, ער איז נאר א וויזיטע"ר, ער טרעפט זיך נישט זיין פלאץ אין דעם מקום ווי ער איז. ווען משה רבינו וואלט זיך אביסל באקענט מיטן עולם, ער וואלט זיך אביסל מער מתיישב געווען אויף דעם פלאץ ווי ער איז געווען, וואלט ער אפשר נישט אויסגעוואקסען א משה רבינו. משה רבינו האט געהאט אין זיך דעם כח צו זאגען, איך בין א יוד, און איך האב נישט מיט זיי א שייכות, מיין פלאץ איז נישט דא, מיין פלאץ איז אין מצרים צוזאמען מיט די אבות און די שבטי י-ה, איך בין נאר פארבלאנדזעט געווארן דא, איך בין נישט דא מער ווי א פרעמדער. אפילו איך וועל זיין דא זיבעציג יאר, ביז די אכציג יאר איז משה רבינו דארט געווען, און די גאנצע צייט האט ער זיך געהאלטן אז ער איז נישט א היימישער, ער איז א גר. דאס האט אים געגעבן דעם כח, אז ער זאל זיך קענען האלטן ערליך.

**ווען** ער זאל דארפן אוועקגיין מחרב פרעה, און איבערלאזן דעם גאנצן יודישען פאלק, און גיין צווישן גוים, און זיך אויסמישן מיט די גוים, וואלט חשובער געווען אז דער אייבערשטער וואלט אים צוגענומען פון די וועלט דורך דעם חרב פרעה, ווי איידער ער זאל אהין אנקומען. ווען קען א מענטש דאנקן אויף זיין לעבן, ויצילני מחרב פרעה, נאר ווען ער איז קודם געווען אין די בחינה פון כי גר הייתי בארץ נכריה, דעמאלטס איז אים ווערט, אז דער אייבערשטער האט אים מציל געווען מחרב פרעה.

**האט** משה רבינו א נאמען געגעבן פארן ערשטען קינד גרשום, כי גר הייתי בארץ נכריה, איך בין געווען א גר, איך בין געווען א פרעמדער, איך האב זיך נישט געוואלט קענען מיט די אומות העולם, איך וויל נישט האבען א שייכות מיט זיי. וואס מען דארף טון פאר די ארבעט דארף מען טון, וואס מען דארף פאר פרנסה טוט מען, אבער אויסער דעם איז מיין פלאץ נישט צוזאמען מיטן גוי. נאכדעם וואס ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען כי גר הייתי בארץ נכריה, יעצט קען ער אפגעבן א שבח והודאה, אויף דעם ויצילני מחרב פרעה, אז דער אייבערשטער האט אים פאר דעם מציל געווען פון פרעה.

**א** מענטש דאנקט דעם אייבערשטען, אז ער האט אים געגעבן צו עסן. פותח את ידך ומשביע לכל חי, עס איז א געוואלדיגע הודאה. די גאנצע חשיבות פון זאגען דריי מאל א טאג אשרי, איז ווייל מען דארף מכוון זיין די פסוק פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון. די גרעסטע הלל וואס מען דאנקט דעם אייבערשטען איז, אז דער באשעפער איז זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כנים (ע"ז ג:). **אבער טאמער דאס לעבן פון א מענטש איז נישט ערליך, פארוואס דאנקט ער דעם אייבערשטען אז ער האט אים געגעבן צו עסן, עס וואלט בעסער געווען אז ער געבט אים נישט, און ער גייט אוועק פון די וועלט ערליך, ווי איידער דער באשעפער זאל אים געבן וואס ער דארף, און נאך מער פון וואס ער דארף, כדי ער זאל קענען זינדיגען, און זיך אויסמישן מיט די אומות העולם.**

**מען** קען נישט סתם געבן א הודאה פארן אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן צו עסן, ווייל טאמער מען פירט זיך נישט אויף ערליך, דעמאלטס איז די הודאה פארן עסן נישט א הודאה. נאר אז מען דאנקט אויך, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן דעם בריתך שחתמת בבשרנו, מיר קענען זיך האלטן בקדושה, ועל תורתך שלימדתנו, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תורה וואס מיר קענען לערנען, דעמאלטס האט א חשיבות די הודאה וואס איך דאנק על המזון. דאנקען דעם אייבערשטען הזן את הכל, אז דער אייבערשטער געבט צו עסן, איז נאר ווען נאכדעם נוצט מען אויס דאס לעבן וואס ער האט געגעבן, פאר תורה און מצות. אבער טאמער מען נוצט עס נישט אויס פאר תורה און מצות, איז דער הזן את הכל נישט א ברכה. האבען די חכמים צוגעשטעלט, אז בשעת א מענטש דאנקט דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אים געגעבן וואס ער דארף צו האבן, געבט מען צו א הודאה אויף מילה און תורה, ווייל דאס ברענגט ארויס דאס חשיבות פון דעם וואס דער אייבערשטער האט געגעבן צו עסן.

**ב"ה מען זיצט און מען לערנט, און מען איז מסיים מסכתות, האט דאס לעבן א חשיבות. מען לעבט נישט ווי א גוי, נאר מען טראכט פון לערנען. און אז מען חזר'ט עס נאך איבער, און מען לאזט זיך פארהערן יעדן חודש אויף וואס מען האט געלערנט, איז דאך על אחת כמה וכמה די גרויסע חשיבות פון דאס לערנען. לערנען פאר זיך אליין, אפילו ער פארגעסט מארגען וואס ער האט געלערנט, האט אויך א חשיבות, ווייל ער איז כאטש געזעצען א שעה און געלערנט. אבער טאמער מען נעמט אויף זיך אויך איבערצוחזר'ן וואס מען האט געלערנט, און זיך לאזן פארהערן יעדן חודש אויף וואס מען האט געלערנט, האט דאס אין זיך אסאך מעלות. איינס, ווייל בשעת ער לערנט נאר, האט ער עס נאר געלערנט, צו ער האט יא פארשטאנען, צו ער האט נישט פארשטאנען. אבער אויב מען דארף זיך נאכדעם פארהערן, איז בשעת מען לערנט עס, ליגט אים דער קאפ ביים לערנען, כדי ער זאל פארשטיין וואס ער לערנט, און ער זאל עס קענען נאכדעם געדענקען.**

**און צווייטנס, ווען ער שטעלט זיך אויף פון די גמרא, אויב ער דארף נישט מער איבערגיין דעם בלאט, איז די בלאט גמרא דערנאך. אבער טאמער ער דארף זיך נאך שטעלן צום פארהער, טראכט ער איבער וואס ער האט געלערנט איינמאל, און צוויי מאל, און דריי מאל. און ווען ער גייט אויף די גאס, איז זיין קאפ אין תורה, ווען ער זיצט אין די געשעפטען, איז זיין קאפ אין תורה. און ווען עס קומט סוף פונעם חודש, ווען ער דארף זיך שטעלן צום פארהער, חזר'ט ער איבער א גאנצן טאג, וואס עס איז געשטאנען אין דף ג', און וואס עס איז געשטאנען אין דף ד', און וואס עס איז געשטאנען**

**אין דף ה', און אזוי ווייטער, כדי ער זאל זיך קענען פארהערן, ליגט ער טאקע פשוט אין תורה. נישט נאר די שעה וואס ער לערנט, נאר די גאנצע טאג איז אים פארנומען מיט תורה.**

**דאס** איז די חשיבות פון א חבורה וואו מען זיצט און מען לערנט צוזאמען, מען האט מיט וועם צו שמועסן אין לערנען, און מען חזר'ט איבער וואס מען לערנט, און מען פארהערט זיך וואס מען לערנט. איז נאר דא אזויפיל, צו געבן חיזוק פאר די אלע וואס נעמען אטייל דערין, אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן, אז זיי זאלן קענען מסיים זיין ווייטער אויך אסאך מסכתות, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה, און אין זכות פון תורה זאלן מיר זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

* * *

***יום שלישי פרשת בא***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה.

*

***שבת קודש פרשת בא***

בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בביאור המקראות בענין הפ"ו שנה שהיה קישוי השיעבוד במצרים. אחר כך כיבד **רבינו שליט"א** את **הגה"צ רבי יעקב יהוסף ראטענבערג שליט"א האדמו"ר מקאסאן** (9 עוו.) בברכת המזון.